These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

Call no: B. (NS)Cr88

Title: Der Pastukhel ...

כותר: דער פאסטוכעל ...

Imprint: [London : Yosef, 19--]

דפוסת: [לונדון : יאזעף, --19]

Collation: 1 broadside : ill. (offset), 19 x 25 cm.

הערות: סוג הגליון: שיר. 4שם הרב: ר' משה יענקעלע. תחילת השיר: א פאסטוכעל איז געוועהן א מאהל.

---

Subject: Yiddish poetry - England - London.

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

# דער פאַסטוכעל.

אלערליי ליעדער און ביכער צום לעזען איז נאר ייִ מ. יאזעף, 174 קאממערשעל רויד, איסט.

א פאַסטוכעל איז געוועהן אַ מאָהל
אין דעם לאַנד כנען! —
מיט שאָף און רינדער גאָר אָהן צאָהל
פלעגט זיין האַנדעל זיין! —
און אַז ער איז רייך געוואָרען,
האָט ער געהאַנדעלט קאָרען,
און האָט זיין געלד פערלאָרען,
ס'איז איהם געגאַנגען שלעכט!
אַבי ניט ברויט צו בעטען,
פלעגט ער ציגעל קנעטען,
געמויערט הייזער און קלייטען,
געאַרבייטעט פאַר אַ קנעכט! —
יאָה, אוי ס'איז שעהן,
יאָה, מלא חן,
דערצעהל און הער ניט אויף —
אוי ס'איז זים!
יאָה, גאָר ניט מיאוס,
דערצעהל אונז ביז אין סוף! —
ר'משה געהט דורך אומגערעכט
און האָט איהם באַלד דערקענט!
„יענקעלע", דאָס ביסטו? אַ קנעכט!
ברעכט ער מיט די הענד!
האָבען אַזאַ טאַטען,
דער רייכסטער פון מאַגנאַטען
און זיין אַזוי פון ווייטען,
זאָלסט גאָר קנעטען ליים! —
דיין טאַטענס לענדער פליעסען,
פון מילך — האָניג זיסען,
און דו זאָלסט ניט געניסען?
אָה קום צו איהם אַ היים! —
יאָה, אוי ס'איז שעהן.... א. ז. וו.
אַ סימן אַז דו מעגסט גלויבען מיר:
די 10 ווערטער לייען!
וואָס דיין טאַטע שרייבט צו דיר
מיט זיין האַנד אַליין!......

די ווערטער זאָלסטו גלויבען,
אין האַרצען זיי פאַר קלייבען,
כדי זאָלסט קענען לעבען
אין דער גרויסער וועלט! —
און מיט אַ פייערדיגען וואָגען,
איבער וויסטע ימים געיאָגען,
האָט ער איהם געבראַכט צו טראָגען
אין זיין טאַטענס געצעלט! —
יאָה, אוי ס'איז שעהן..... א. ז. וו.
אַז אַ פאַסטוכעל אַ יאָלד
הייבט אָן צו געהען ניט שלעכט,
האָט ער זיך פערגעסען באַלד
אַז ער איז געווען אַ קנעכט;
כהנים קוילען לעמער,
ווין גיסט מען מיט עמער,
און לוים מיט כלי זמר
טאַנצען אַרום איהם,
רייך איז מען — אַ מלך!
לעבען לעבט מען — פרעהלעך!
האָט ער פערגעסען פאַמעהלעך
דיין טאַטען אלקים! —
יאָה, אוי ס'איז שעהן.... א. ז. וו.
אַ דאָ האָט זיך זיין טאַטע שטאַרק צו היטצט,
פון כעס צו האַקט די ווענד! —
איהם פון זיין שטאָט אַרויס געשמיצט,
און זיין הויז פערברענט! —
איהם אַרויס געטריבען,
פרעמדע זענען פערבליבען,
און האָט זיי פאָר געשריבען,
איהם פערפאַלגען גאָר אָן צאָהל! —
דער פאַר זעהט מען איהם היינט יאָגען,
צו זיין טאַטען וויינען און קלאָגען,
ער זאָל איהם שוין מעהר ניט שלאָגען,
איהם שענקען נאָך היינטיגסט מאָהל! —
יאָה, אוי ס'איז שעהן..... א. ז. וו.